ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ | פרשת מסעי | שנת תשע"א

## פרשת מסעי

**אלה מסעי בנ"י אשר יצאו מארץ מצרים:** זאגט רש"י להודיע חסדיו של מקום וכו׳ שהרי אין כאן אלא מ"ב מסעות. פרעגט **רביה"ק זי"ע אין דברי יואל**, לכאורה ווען מ׳ציילט איבער די מסעות טרעפט מען נאר איין און פערציג?

נאר דער **תרגום יונתן** (פר׳ יתרו) זאגט אויפן פסוק **ואשא אתכם על כנפי נשרים** אז די נאכט איידער די אידן זענען ארויס פון מצרים האבן די ענני הכבוד זיי געטראגן צום מקום המקדש, און זיי האבן דארט געמאכט דעם קרבן פסח, און די זעלבע נאכט האט מען זיי צוריק געברענגט קיין רעמסס. קומט אויס אז עס איז געווען נאך א נסיעה, און צוזאמען מיט די נסיעה איז געווען צוויי און פערציג מסעות.

דאס זאגט דער פסוק **אלה מסעי בני ישראל** די ערשטע פון די מסעות איז געווען, **אשר יצאו מארץ מצרים**, דאס וואס זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים קיין ארץ ישראל עסן דעם קרבן פסח ביים מקום המקדש.

*

**אלה מסעי בני ישראל:**

דער **רמ"ע מפאנו** זאגט א רמז אז די ראשי תיבות פון די פיר ווערטער איז מרמז אויף די פיר גליות **א**׳דום, **מ**׳די, **ב**׳בל, **י**׳ון, וואס דאס דארפן אידישע קינדער אריבערגיין ביז ווען מ׳וועט זוכה זיין צו די גאולה שלימה.

זאגט דער **כתנות אור** אז די פריערדיגע גאולות וואס אידן זענען אויסגעלייזט געווארן האט נישט אנגעהאלטן און מ׳איז ווייטער אנגעקומען אין גלות איז געווען ווייל השי"ת האט געשיקט א שליח אויסצולייזן די אידן, משא"כ די גאולה העתידה וועט דער רבש"ע אליינס אויסלייזן אידישע קינדער, דאס וועט זיין אויף לעולם, ווי דער פסוק זאגט **ופדויי ה׳ ישובון**, ווען אידישע קינדער וועלן אויסגעלייזט ווערן דורכן אייבערשטן אליין, דעמאלטס וועט זיין **ובאו ציון ברנה ושמחת עולם על ראשם**, זיי וועלן זוכה זיין אז די שמחה וועט זיין אן אייביגע און א נצחיות׳דיגע.

דאס זאגט דער פסוק **אלה מסעי בני ישראל**, דאס זענען די גליות וואס אידן מאכן מיט ווי דער **רמ"ע מפאנו** זאגט, און מ׳איז נישט זוכה דערצו צו די גאולה שלימה, איז די סיבה ווייל אשר יצאו ביד משה ואהרן, און נישט דורך דעם אייבערשטן אליין.

*

**ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם:** אין דעם פסוק שטייט מוצאיהם למסעיהם, און נאכדעם ואלה מסעיהם למוצאיהם, וואס איז דער שינוי הלשון?

ענפערט דער רבי **מרן הברך משה זי"ע** בהקדם דעם **חתם סופר** (תורת משה פר׳ דברים) וואס איז מסביר דעם מדרש וואס זאגט אז ווען משה רבינו איז געקומען מוכיח זיין די אידן פאר זיין פטירה האבן זיי געזאגט אז משה רבינו ׳אינו בדעתו׳ ח"ו, ביז משרע"ה האט זיי געדארפט געבן א ראי׳ אז ער איז יא בדעתו, און די אידן האבן אים אויסגעפרעגט פארשידענע קשיות און משה רבינו האט זיי אויפגעוויזן אז ער איז געהעריג מיושב בדעתו.

נאר דער **ירושלמי** (תענית פ"ד ה"ה) זאגט אויף דעם וואס אין פסוק שטייט אז די חומה פון ירושלים איז אויפגעבראכן געווארן ט׳ תמוז, און מיר ווייסן אז עס איז געווען י"ז בתמוז, נאר וועגן די גרויסע צרות האבן זיי זיך טועה געווען און זיי האבן געמיינט אז עס איז ט׳ תמוז, און כאטש דעם פסוק האט ירמי׳ הנביא געשריבן בנבואה, אבער וויבאלד ער האט געזעהן די אלע צרות פון פאראויס איז ער שוין געווארן אזוי צובראכן פון די שרעקליכע זאכן וואס וועט קומען אויף כלל ישראל, און ער האט זיך טועה געווען אז ט׳ תמוז איז הובקעה העיר, און כאטש שפעטער האט ער זיך געכאפט אז עס איז געווען י"ז בתמוז, האט אים דער רבש"ע געהייסן אז ער זאל דאס אזוי שרייבן כדי דאס זאל ווייזן ווי גרויס די צרה איז געווען אז מ׳האט זיך פשוט טועה געווען אין די טעג.

זאגט דער **חתם סופר** אז משה רבינו האט דאך אויך געזעהן די אלע דורות ביז ביאת המשיח, האט ער דאך אויך געזעהן די אלע צרות, האבן אידן מיט רעכט מורא געהאט אז משה רבינו טוט אויך אויפטוישן די צייטן צוליב זיין צובראכנקייט, וועגן דעם האט אויסגעפעלט צו ווייזן ראיות אז ער איז געווען מיושב בדעתו און אלעס שטימט, און די סיבה דערפון איז געווען, ווייל משה רבינו האט אויך געזעהן בנבואה ווי אידן ווערן געהאלפן בביאת הגואל עכדה"ק.

דער ילקוט הראובני זאגט דאך אז אין אלע מסעי איז מרומז די ד׳ גליות (זע פריערדיגע תורה בשם הרמ"ע מפאנו) און אין ספר צרור המור שטייט נאך אז אין די מ"ב מסעות איז מרומז אלע צרות פון אידישע קינדער עד ביאת הגואל.

ווען דעם שטייט **ויכתוב משה את מוצאיה"ם למסעיהם**, דאס וואס מ׳וועט ארויסציעהן אידן פון ארץ ישראל צו זייערע מסעות אין די גליות, איי ווי אזוי קען זיין אז משה רבינו האט געשריבן די אלה צרות און ער איז נישט נתבלבל געווארן דערפון. אויף דעם זאגט דער פסוק **ואלה מסעיהם למוצאיהם**, אז ער האט אויך געזעהן דעם סוף פון גלות ווען מ׳וועט אויסגעלייזט ווערן בב"א, און וועגן דעם איז ער נישט נתבלבל געווארן.

### ערי מקלט

דער **הייליגער אפטער רב זי"ע** זאגט אז דאס וואס די תורה האט געהייסן מאכן זעקס ערי מקלט, און אויסער דעם זאל מען מוסיף זיין נאך 42 שטעט, פאר איינעם וואס האט גע׳הרג׳עט א צווייטן בשוגג דאס איז א נצחי און דאס גייט אן אפילו בימינו אלה בזמן שאין ביהמ"ק קיים.

די זעקס ערי מקלט זענען די זעקס ווערטער פון **׳שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד׳**, וואס מ׳זאל זאגן מיט מסירות נפש און קבלת עול מלכות שמים, **ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר**, דאס זענען די 42 ווערטער פון פרשת **ואהבת**. וואס דורכן לייענען קרי"ש מיט מסירות נפש קען מען זוכה זיין אויף א כפרה אויב מ׳האט ח"ו גע׳הרג׳עט א מענטש בשוגג.

# אוצר הידיעות

## הר ההר

מיר לערנען די וואך אין די סדרה ווי אזוי אהרן הכהן איז באהאלטן געווארן אינעם הר ההר, ראש חודש מנחם אב, אלט זייענדיג 123 יאר.

דער סדר הדורות ברענגט אז אין די לעצטע צייט האבן די אראבער געוויזן דעם וועג צום קבר פון אהרן הכהן אויפן הר ההר, עס איז זייער א הויכער בארג, איין בארג אויפן צווייטן בארג. און מ'דארף נוצן פארשידענע תחבולות אז מ'זאל קענען דארט אנקומען ווייל דער בארג איז זייער גלאט עס זעהט אויס ווי זי איז אפגעהאקט געווארן מיט א האק.

אויבן אויפן שפיץ בארג איז דא א מערה מיט אסאך כתבים, און עס איז דארט אויסגעגראבן איין הייל אין א צווייטע הייל, און אויף די ווענט איז דא אויפשריפטן פון די פריערדיגע צייטן. אויפן בארג איז אויפגעבויעט א שיין אויסגעבויטער קבר און עס איז אויפגעשריבן מיטן אראבישן שריפט אהרן בן עמרם.

אינעם אונטערשטן הייל העכער די אלע אויפשריפטן אויף די ווענט שטייט אויך אויפגעשריבן אהרן בן עמרם, און דער אויפשריפט קומט אויס ממש אונטער דעם אויבערשטן קבר פון אהרן הכהן. אבער דער כתב אויפן וואנט פון די מערה קען מען נישט ליינען ווערלכע שריפט דאס איז און טייל איז אפגעמעקט.

און די אראבער צינדן דארט ליכט לזכות אהרן.

אין ספר מראה אש ווערט דערציילט בשם הרה"ק רבי נפתלי הירצקא מראצפערט זצ"ל אז אין א מדינה אראביען איז געווען א הויכער בארג וואס ביי די אראבער איז געווען אנגענומען אז נאר די אידן קענען אנקומען ביזן שפיץ בארג. אבער די גוים האבן געהאט א מיינונג אז עס עקזיסטירן שוין נישט היינט קיין אידן אויף די וועלט. ביז איינמאל איז דארט אריבערגעפארן א סוחר וואס ער פלעגט ארום פארן אויף די וועלט און יענער האט דערציילט אז ער האט זיך שוין אסאך מאל באגעגנט מיט אידן, האט דעמאלטס דער שר פון די שטאט אים צוגעזאגט א גרויסע סומע געלט אויב ער וועט אים ברענגען א איד.

ווען דער סוחר האט געברענגט א איד האט אים דער שר דערציילט אז ביי זיי איז אנגענומען אז נאר א איד קען אנקומען ביזן שפיץ בארג, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל ארויפגיין אויפן בארג.

דער איד האט אזוי געטון, ער איז ארויפגעגאנגען, און אראפגעקומען אן קיין שאדן. ווען מ'האט אים געפרעגט וואס ער האט דארט געזעהן האט ער געזאגט אז דארט איז דא א אויפשריפט "פה נטמן אהרן הכהן גדול".

# אוצר רבותינו

## קומי רוני בלילה

כאשר **מרן בעל הילולא קדישא הישמח משה זי"ע** רצה להבין דרכי החסידים והוטב בעיניו עלה בלבו קושיא אחת על זה שהחסידים רגילים להיות תמיד בשמחה, והלא מבואר בשולחן ערוך (או"ח סי' ס"א ס"ג) ראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג על חורבן בית המקדש.

ויהי כאשר נסע בפעם הראשונה לקבל פני **הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע**, מיד כאשר בא לביתו נאוה קודש קבל את פניו באמרו "מדוע פניכם רעים היום, הן אמת שכתב בשולחן ערוך ראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג על חורבן ביהמ"ק, אבל כבר אמר החכם (חובת הלבבות שער הפרישות פ"ד) שהחסיד "צהלתו בפניו ואבלו בלבו" היינו שעל פניו ניכר שמחתו ובו בזמן הוא מתאבל בלבו על חורבן בית המקדש, הן תאמינו לי כי אנחנו אומרים תיקון חצות בבכיה ובהספד, ועם כל זה הכל בשמחה.

וכן הורה לנו **רבינו הק' הרבי ר' שמעלקא זי"ע** עפ"י משל למלך שנשבה למרחקים ועמד לפוש אצל אחד מאוהביו, והוא כראותו את המלך בשביה הלך ובכה כאשר ראה את המלך במצב כזה, ועם כל זה ששושמח כי המלך מתאכסן אצלו, והנמשל מובן כי באותו שעה שהוא בוכה על חורבן בית המקדש, הרי השכינה עמו ועל זה הוא צריך להיות בשמחה.

לפי זה פירוש נכדו כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זי"ע לפרש מאמר הכתוב בפרשתן, אלה מסעי בני ישראל, כי בילקוט הראובני כ' שבפסוק זה נרמז כל הגליות של ישראל, והרמז הוא שהראשי תיבות א'לה מ'סעי ב'ני י'שראל, הוא ר"ת א'דום, מ'די, ב'בל, י'ון.

ומעתה כאשר פתח הכתוב ואמר **אלה מסעי בני ישראל**, הלא רמז בזה תוקף גליותיהן של ישראל במשך הדורות, על זה בא הכתוב להשמיענו באיזה כח יתחזקו בני ישראל באורך גלותם ובמה יתעורר לבבם לעבוד את השי"ת באהבה ובשמחה, לזה המשיך ואמר **ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה'**, פירוש כי **מוצאיהם** מארצינו הקדושה **ומסעיהם** לגלות הוא על פי ה', כי השכינה הקדושה תהא עמהם בגלותם, ועל כן עליהם להתחזק ולהתאזר לעבוד את השי"ת ברנה שהרי המלך מתאכסן אצלם בביתם.

# יגעת ומצאת

די וואך וועלן מיר אי"ה ממשיך זיין צו לערנען די "יגעת ומצאת" פארשידענע אינטערעסאנטע ידיעות איבער רש"י הקדוש וואס די יארצייט געפאלט אויס קומענדיגן זונטאג פר' דברים כ"ט תמוז הבעל"ט

רש"י, רבינו שלמה, בן ר'? נולד בשנת? נפטר ביום? שנת?. זיין מאמע איז געווען א שוועסטער פון (עי' רש"י מס' שבת דף פ"ה ע"ב ד"ה בנוטה)? וואס ער איז געווען א תלמיד פון? (כנ"ל). וואס איז די ר"ת פון רש"י? וואס וויל ער מיט דעם מרמז זיין? (עי' סדר הדורות). ווער זענען געווען די דריי איידעמער פון רש"י? א) ב) ג) (כנ"ל). וואס זענען געווען די נעמען דריי בארימטע אייניקלעך פון רש"י? רשב"ם? ריב"ם? רבינו תם? פארוואס האט מען אים אזוי גערופן (אוצר הגדולים ח"ה עמוד קל"ט). וויפיל תעניתים האט רש"י געפאסט איידער ער האט מחבר געווען זיין חיבור? (צרור המור בהקדמה) וויפיל מאל האט רש"י איבערגעמאכט זיין חיבור? (חיד"א בשם הגדולים מערכת גדולים אות ש' סי' ל"ה) פארוואס איז רש"י ארומגעפארן איבער די וועלט איידער ער האט ארויסגעגעבן זיין חיבור (סדר הדורות) פארוואס רופט תוס' אן רש"י'ס חיבור פי' הקונטרס? (סדה"ד) וואס שרייבט רש"י אין יחזקאל (מ"ב ג') פון וואו ווייסט ער ווי אזוי דער ביהמ"ק השלישי וועט אויסזעהן?

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' מטות

א. הגמרא נסדר ע"י רב אשי. ונשלם ע"י בנו מר בר רב אשי ותלמידו רבינא.

ב. הגמרא נסדר במשך שמונים שנה, היה קודם מהדורא קמא, ואח"כ מהדורא בתרא, בכל פעם שהיה ירחי כלה חודש תשרי וחודש ניסן סיימו מסכת, כך שבמשך שלשים שנה סיימו ש"ס פעם אחת, ובמשך שישים שנה סיימו עוה"פ ש"ס, וכל זה עוד בחיי רב אשי, ובמשך עוד עשרים שנים נסתיים הש"ס ע"י רבינא ומר בר רב אשי.

ג. הגמרא הוא עפ"י רוב בלשון הקודש, וקצת בלשון ארמי.

ד. תלמוד ירושלמי נתחבר ע"י רבי יוחנן, זה נתחבר עוד מאה שנים קודם תלמוד בבלי. ונכתב רובה בלשון ארמי וקצתה בלשון הקודש. באופן שיש מחלוקת בין בבלי וירושלמי פסקינן כהבבלי, כי אנו פוסקין כהבתראי שראו כבר כל הסברות וכל השיטות.

ה. רבנן סבוראי היו הת"ח אחרי תקופת האמוראים. ונקראו כן לפי שהם רק הוסיפו סברות ולא חידושי הלכות.